**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/15/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול שרייבט אונטער געזעץ צו ברענגען אן ענדע צו אכזריות'דיגע שטוב-חיות האנדל**

***נייער געזעץ (S.1130/A.4283) פארבאט צו פארקויפן הינט, קעץ און רעביטס ביי שטוב חיות געשעפטן***

***ערלויבט שטוב חיות געשעפטן צו בעטן רענט פאר שעלטערס צו נוצן זייער שטח פאר אדאפשענס***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אונטערגעשריבן א געזעץ (S.1130/A.4283) צו פארבאטן צו פארקויפן הינט, קעץ און רעביטס ביי שטוב חיות געשעפטן, מיט די ציהל צו ברענגען אן ענדע צו אכזריות'דיגע האנדל מיט שטוב חיות און צו אביוז פון מענטשן וואס ציהען אויף הינט. באזירט אויף אן אפמאך מיט די לעגיסלאטור, וועט דער געזעץ אריינגיין אין קראפט אין 2024, און עס וועט אויך ערלויבן שטוב חיות געשעפטן צו בעטן רענט פון שעלטערס צו ארויסדינגען זייערע פלעצער פאר אדאפשענס.

"עס קומט זיך פאר הינט, קעץ און רעביטס אריבער ניו יארק צו האבן א ליבע היים און מענטשליכע באהאנדלונג", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "איך בין שטאלץ צו אונטערשרייבן דעם געזעץ וואס וועט מאכן באדייטפולע שריט צו באקעמפן אכזריות'דיגע באהאנדלונג און באשיצן די וואוילזיין פון חיות ארום די סטעיט."

דער נייער געזעץ (S.1130/A.4283) ציהלט צו פארמיידן דאס קויפן און פארקויפן פון חיות וואס קומען פון גרויסארטיגע הענדלער וועלכע האבן נישט די נויטיגע וועטערענארישע קעיר, עסנווארג אדער געזעלשאפט. די חיות האבן אפט געזונטהייט פראבלעמען וועלכע קומען פון שלעכט צוזאמגעפארטע הינט און זיי קענען אפקאסטן טויזנטע דאלארן פאר פאמיליעס אין קעיר ביים חיות דאקטאר. דער געזעץ וועט פארזעצן צו ערלויבן שטוב חיות געשעפטן צו ארויסדינגען פון זייערע שטחים פאר אדאפשען סערוויסעס אין צוזאמענארבעט מיט חיות שעלטערס אדער רעטונג ארגאניזאציעס צו העלפן פארבינדן ניו יארקער מיט חיות וועלכע נויטיגן זיך אין א היים.

**סטעיט סענאטאר מייקעל גיענאריס האט געזאגט,** "היינט איז א גרויסע טאג פאר אונזערע פיר-פיסיגע פריינט און א גרויסע טריט פאראויס אין אונזער קאמף קעגן אכזריות'דיגע און אוממענטשליכע האנדל מיט שטוב חיות. איך באדאנק גאווערנער האקול פארן אויפשטיין פאר די ליבנדע חיות וועלכע האבן נישט קיין שטימע און זענען מיטגלידער פון אונזערע פאמיליעס און פארדינען זיך די רעספעקט וואס מיר האבן זיי היינט געוויזן."

**אסעמבלי מיטגלידערין לינדע ב. ראזענטאל האט געזאגט,** "איך שיק א גרויסע דאנק פאר גאווערנער האקול פארן אונטערשרייבן דעם געזעץ צו אפשפארן די שטוב-חיות האנדל. ניו יארק סטעיט וועט מער נישט ערלויבן ברוטאלע, אוממענטשליכע האנדל מיט שטוב חיות ארום דאס לאנד צו סופלייען אונזערע שטוב חיות געשעפטן און פארדינען געלט פון אכזריות צו חיות און פון קליענטן וועלכע זענען גארנישט

חושד. דורכן ברענגען אן ענדע צו די פארקויף פון הינט, קעץ און רעביטס אין שטוב חיות געשעפטן, וועלן שעלטערס און רעטונג ארגאניזאציעס קענען ארבעטן בשותפות מיט די געשעפטן צו ארויסשטעלן חיות וועלכע קענען אדאפּטעד ווערן און אריינגעלייגט ווערן אין היימער פאר אייביג. צאללאזע פאמיליעס וועלן זיך איינשפארן די הארץ ווייטאג פון שפענדן טויזנטע דאלארן אויף א באליבטע נייע שטוב חיה וואס איז גענעטיש געשעדיגט און כראניש קראנק. ניו יארק'ס ראלע אלץ פירער אין פארמיידונג פון אכזריות צו חיות וועט אינספירירן אנדערע סטעיטס צו נאכפאלגן אין די טריט, און דאס איז א זאך מיט וואס די גאווערנער און אלע פון אונז קענען זיין שטאלץ צו האבן עררייכט."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418